# באַמערקונגען פֿונעם צוזאַמענשטעלער

## יחזקאל ליפֿשיץ

בײַם צוזאַמענשטעלן אַ בוך פֿון אַרן צײטלינס אָפּהאַנדלונגען און עסייען שטייט נישט דער צוזאַמענשטעלער פֿאַר קיין דוחק אין מאַטעריִאַל, נאָר גיכער פֿאַר אַן איבערפֿלוס. ס׳איז קיין מאָל נישט קיין פּראָבלעם צי אַ געוויס אַרטיקל אָדער עסיי דאַרף אַרײַנגענומען ווערן אין בוך,נאָר גיכער שטײַט מען פֿאַר דער דילעמע ווי דאָס _ניט_ אויסצולאָזן.

צײטלין איז געווען אַ זייער פּראָדוקטיווער שרײַבער און ממש אַ פֿאַרכּישופֿטער לייענער. זײַן פֿרײַנט באַשעוויס-זינגער זאָגט וועגן אים, אַז זײַן ״תּאווה.... איז געווען און געבליבן ליטעראַטור, רעליגיעזע ליטעראַטור און אַלדאָס אינטעלעקטועלע, וואָס האָט אַ שײַכות דערמיט.״ זײַנע פֿרײַנד האָבן אים שטענדיק געטראָפֿן טאָן איינע פֿון די צוויי עובדהס -- שרײַבן אָדער לייענען.

ער איז געווען אַ פּאָעט, אַ דראַמאַטורג, אַ ראָמאַניסט, אַ ליטעראַטור-קריטיקער און אַ רעליגיעזער פֿאָרשער אויף ייִדיש און העברעיִש. ער איז אויך געווען פֿאַראינטערעסירט אין מיסטיציזם, פּאַראַפּסיכאָלאָגיע, פֿילאָסאָפֿיע און אין טאָג-טעגלעכע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען. וועגן דעם אַלעס האָט ער געשריבן און קאָמענטירט אויף זײַן אייגנאַרטיקן אופֿן.

זײַנע קענטענישן אין די זיבן-אַכט ליטעראַטורן (די ייִדישע, העברעיִשע, פּוילישע, רוסישע, דײַטשע, פֿראַנצויזישע, ענגלישע, -- און זינט זײַן אויפֿהאַלטן זיך אין קובאַ אין 1939-1940 אין שײַכות מיטן וואַרטן אויף דער אַמעריקאַנער וויזע, -- אויך די ספּאַנישע וואָס ער האָט געלייענט אין אָריגינאַל) זענען אָפֿט געווען צום שטוינען. ער האָט פּונקט אַזוי אינטים געקאָנט רעדן וועגן געטן ווי וועגן טשערניכאָווסקין אָדער וועגן פּרצן, און נישט נאָר וועגן די גרויסע מײַסטערס, נאָר אויך וועגן פֿאַרשוויגענע און פֿאַרגעסענע קינסטלער, דענקער און וויזיִאָנערן.

זײַנע אייגענע שאַפֿונגען, נישט נאָר די פּאָעטישע, פֿלעגט ער כּסדר איבעראַרבעטן. דאָס קאָן מען זען פֿון די פֿאַרבליבענע צײַטונג-און זשורנאַל-אויסשניטן. גאַנצע פּאַראַגראַפֿן זענען אָפֿט איבערגעשריבן, זאַצן איבערגעשטעלט, ווערטער געביטן, טיטלען געענדערט און בדרך-כּלל -- געקירצט.

מיר האָבן זיך באַנוצט מיט די געבעסערטע אויסשניטן פֿון די אַרטיקלען און עסייען, וואָס זענען אַרײַן אין דעם באַנד און ווערן דאָ געדרוקט _נישט_ ווי זיי זענען אָריגינעל געדרוקט געוואָרן, נאָר מיט די

ענדערונגען, וואָס דער מחבר האָט געמאַכט אויף די מאַרגינעסן פֿון די געדרוקטע אויסשניטן. לײַדער האָבן זיך דערהאַלטן ניט צו פֿיל אויסגעבעסערטע אויסשניטן.

דער צוזאַמענשטעלער האָט בלויז אויסגעבעסערט בפֿירושע טיפּאָגראַפֿישע פֿעלערן און אויסגעלאָזענע ווערטער.

אין דער אָפּטיילונג "חסידישע שיטהס און רבייִם" איז צייטלין עטלעכע מאָל מחלוק מיט שמעון דובנאָוו. דובנאָווס צוגאַנג צו חסידות איז ווי פֿון אַ ראַציאָנאַליסט. אים איז נענטער די ח"ב"דער שיטה. ער איס אַ קעגנער פֿון _צדיקיזם_, וואָס ער האַלט ר' עלימלך פֿון ליזענסק פֿאַר זײַן באַגרינדער און באַטראַכט אפֿילו ר' נחמנס מעשׂיות פֿאַר "פֿיבער-פֿאַנטאַזיִעס פֿון אַ מענטשן וואָס איז קראַנק אויפֿן גוף און אויף דער נשמה" (געשיכטע פֿון חסידיסם, ב. איִי, זײַטן 8 און 223). צייטלין, לעהיפּעך, האָט געשריבן וועגן חסידות ווי אַן אייגענער און נאָענטער. ער איז, פֿאַרשטייט זיך, באַגײַסטערט פֿאַר ר' נחמנס פּערזענלעכקייט און נישט נאָר פֿאַר זײַנע מעשׂיות און פֿאַרטיידיקט אפֿילו דעם "צדיקיזם."

דער אָפּקלייב אין דעם בוך איז בלויז אַ טייל פֿון אַרן צייטלינס אַרטיקלען און עסייען, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט במשך פֿון עטלעכע און פֿופֿציק יאָר אין צײַטשריפֿטן בכל תּפֿוצות ישׂראל אויף ייִדיש און העברעיִש. ס'זענען אויסגעלאָזט געוואָרן אַ גאָר גרויסע צאָל אַרטיקלען -- אָפֿט גאַנצע סעריעס -- פֿון דער טעגלעכער פּרעסע, וואָס פֿון זיי אַליין קאָן מען צונויפֿשטעלן עטלעכע בענדער.

איך וויל דאָ אויסדרוקן אַ דאַנק דער ייִוואָ ביבליאָטעק און דער ביבליאָטעקערן דינאַ אַבראַמאָוויטש פֿאַר דער הילף בײַם צוזאַמענשטעלן דאָס בוך.